אַזאַ אופן וואָס נעמט דורך אויך דעם דומם שבאדם, איז עס „ולא יסף" אויך אין זמן (כנ"ל — שאין שוכח — און אויך) אַז די תורה דערנעמט אים ניט נאָר בשעת'ן לערנען, נאָר אויך שפּעטער [35]), ווען ער איז פאַרנומען (בהיתר התורה) אין דברי הרשות, איז אין אַלע זיינע הנהגות קענטיק אַז ער איז אַ איד וואָס לערנט תורה [36]), און די תורה הערט זיך אָן אין אַלע זיינע ענינים, אויך אין די גשמיות'דיקע, ביז אַז „בכל דרכיך — דעהו" [37]), און ער מאַכט פון חלקו בעולם אַ דירה לו יתברך.

(משיחת חגה"ש תשכ"ג)

35) ראה ג"כ סוטה כא, א.

36) ראה רמב"ם הל' דיעות רפ"ה.

37) משלי ג, ו. וראה לקו"ש ח"ג ע' 907.

# עקב

א. מען האָט שוין גערעדט כמה פעמים [1]), אַז די כוונה פון „נתאוה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים" האָבן די אידן בעיקר אָנגעהויבן ממלא זיין ערשט דאַן ווען זיי זיינען אַריין אין א"י, „ארץ נושבת", און די פערציק יאָר וואָס די אידן זיינען געווען אין מדבר, איז געווען אַ הכנה, אַ צוגרייטונג צו דער עבודה אין ארץ ישראל.

דעם אמת'ן עילוי פון עבודת ה' זעט מען בשעת עס זיינען דאָ נסיונות און שטערונגען צו דער עבודה און מען ווערט פון זיי ניט נתפעל; דאַן איז די עבודה פיל טיפער, ווייל די נסיונות דערוועקן טיפערע, אינערלעכע כחות [2]). דעריבער זיינען אויך די ארבעים שנה במדבר, דער זמן ההכנה צו אָט־דער עבודה, געווען אַ צייט פון נסיון פאַר די אידן, ווי עס שטייט: „לנסותך לדעת את אשר בלבבך התשמור מצותיו גו'" (דיך אויסצופּרואוון, וויסן וואָס עס איז אין דיין האַרצן, צי דו וועסט היטן זיינע מצוות גו').

נסיונות בכלל טיילן זיך אין צוויי סוגים: נסיון פון עניות און נסיון פון עשירות [3]). אויך אין מדבר זיינען געווען אָט־די צוויי סאָרטן נסיונות, אוןביידע זיינען געווען פאַרבונדן מיטן מן: דער מן האָט, פון איין זייט, פאַרמאָגט די גרעסטע עשירות, וואָרום נוסף אויף דעם וואָס ער איז געווען לחם מן השמים, האָט ניט געהאַט קיין פסולת [4]) און מ'האָט אין אים געפילט אַלע טעמים פון אַלערליי שפּייזן [5]) — ניט ווי לחם מן הארץ, וואָס איז באַגרענעצט אין זיין טעם און האָט פסולת — האָט דער מן מיט זיך אויך מיטגעבראַכט אבנים טובות ומרגליות [6]), עשירות כפשוטה; פון דער צווייטער זייט, איז אין מן אויך געווען דער נסיון פון עניות, ווי עס שטייט „המאכילך מן גו' למען ענותך", און ווי די גמרא איז עס מבאר [6]), אַז

1) ראה בארוכה לעיל ע' 1042 ואילך.

2) ראה ד"ה אחרי ה"א תלכו וביאורו, בלקו"ת (ראה יט, ב ואילך) ובדרך מצותיך (קפה, ב ואילך).

3) ראה לקו"ת דרושי ר"ה ס, א בענין אשור ומצרים. משלי ל, ח־ט.

4) יומא עה, ב.

5) שם עה, א.

6) שם עה, ב.

דער עינוי איז באַשטאַנען אין דעם וואָס דער מן האָט מיט זיך ניט געבראַכט קיין ריכטיקע זאַטקייט, לויט איין דעה: „אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו" (ווי־באַלד אַז דער מן איז געקומען מער ניט אויף דעם איין טאָג, האָבנדיק גאָרניט אויפן מאָרגן, האָט געפעלט די זאַטקייט וואָס אַ מענטש האָט ווען „יש לו פת בסלו"), לויט אַ צווייטער דעה: אינו דומה מי שרואה ואוכל למי שאינו רואה ואוכל" (ס'איז ניט גלייך די זאַט־קייט ביי דעם וואָס זעט וואָס ער עסט צו דעם וואָס זעט ניט וואָס ער עסט, און ביים עסן דעם מן האָט מען געזען בלויז דעם מן און ניט די זאַכן וועמענס טעמים מ'האָט געפילט עסנ־דיק דעם מן).

ב. דאַרף מען פאַרשטיין: ווי אַזוי פּאַסט זיך אין איין און דער זעלבער זאַך, אין דעם מן, צוויי הפכים — עניות און עשירות?

דאָס וואָס דער מן האָט אין זיך געהאַט עשירות (אַלע טעמים און אויך אבנים טובות ומרגליות), וואָס אַזאַ מציאות קען גאָר ניט זיין ביי לחם מן הארץ, איז עס צוליב דעם וואָס ער איז געווען לחם מן השמים, אַן ענין אלקי, וואָס פאַר אלקות זיינען ניט פאַראַן קיין הגבלות. און דערפאַר איז דער מן, אפילו נאָך זיין ירידה למטה, פאַרבליבן אין זיין ג־טלעכן מהות [7]: ער האָט ניט געהאַט קיין פסולת, ער איז ניט געווען באַגרענעצט נאָר צו באַשטימטע טעמים, ביז אַז ער איז ניט געווען מוגבל בלויז צו די מעלות פון טוג האוכל (בעיקר — לחם — צומח), נאָר ער האָט גע־בראַכט מיט זיך אויך די שלימות פון דומם — אבנים טובות ומרגליות.

מצד דער מעלה זיינער וואָס דער מן איז לגמרי העכער פון וועלט, און חורש וזורע פון וועלט נעמט עס ניט, און עס ווערט נמשך פון העכער פון וועלט (וזמן) אין וועלט (וזמן) און זמן איז דאָך געטיילט אין טעג — יומי מיפסקי מהדדי [8]) — איז דאָס געווען דבר יום ביומו — ובדוגמת אַ מתנה וואָס וויפל מ'גיט האָט מען — משא"כ שכר היינגט אָפּ אַן גודל העבודה [9]).

אויך האָט מען ניט געקענט זען מיט דער מענטשלעכער אויג אַלע זאַכן וועמענס טעמים זיינען געווען אין מן, ווייל אַ מוגבל'דיקע אויג קען ניט פאַרנעמען דעם בלי גבול פון אַן ענין אלקי.

און דאָס זיינען די צווי ענינים, עשירות און עניות, וואָס זיינען געווען אין מן: דער מן מצד עצמו איז תכלית העשירות, וואָרום וויבאַלד אַז זיין מהות איז רוחניות, האָט ער ניט קיינע הגבלות, אָבער מצד וועלט און דעם מענטשן איז אין דעם מן אויך געווען תכלית העניות, וואָרום דער מענטש האָט אין אים ניט געהאַט קיין זאַך וואָס ער זאָל קענען מאָנען אַז דאָס איז זיינע („אין לו פת בסלו") און די אויג האָט ניט געקענט אויפנעמען די עשירות פון מן, האָט עס אויך ניט געזען אפילו אַ מאכל פשוט [*10]) („אינו רואה ואוכל").

יעדער ענין פון אַ מענטשן פאַר־מאָגט, לכה"פ עפּעס, וואָס איז זיינס אייגנס, משא"כ דער מן, כאָטש ער איז תכלית העשירות, איז ער ביי דעם

---

7) ראה לעיל ע' 1036 ובהנסמן שם.

8) נזיר ז, א.

9) ראה ד"ה ויענך וירעיבך תרע"ה (בהמשך תער"ב ח"ב).

*10) ע"ד מקום אור גדול מנשוא — שהראי' מתבלבלת לגמרי.

אדם די גרעסטע עניות — ער קען אויף גאַרניט אַנווייזן און זאָגן אַז עס איז זיין אייגנס.

ג. על פי הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם דיוק לשון הפסוק „וירעיבך ויאכילך את המן": ניט נאָר וואָס דער מן האָט ניט זאָט געמאַכט, ווי לחם מן הארץ (צוליב די אויבנ־געבראַכטע צוויי טעמים), נאָר „וירעי־בך" — ער האָט גע'פועל'ט אַ רע־בון[10]). ולכאורה, ווי אַזוי האָט עס דער מן אַרויסגערופן אַן אויסהונ־גערונג?

יעדער זאַך פון וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיט איר הגבלה: זי האָט זיך איר ענין און צו קיין צווייטער זאַך האָט זי קיין שייכות ניט. אַזוי איז עס אויך אין לחם מן הארץ: ער איז מזון און ניט עפּעס אַנדערש, און אין מזון גופא, איז ער באַגרענעצט צו זיין טעם, וואָס דאָס ווערט אויפ־גענומען פון מענטשן, און זעטיקט אים. מה־שאין־כן ווען דער מוגבל'־דיקער מענטש עסט דעם לחם מן השמים, וואָס ער איז בלי גבול כנ"ל, איז כאָטש אַז ער פילט אַז אין דעם מן האָט ער די עשירות פון בלי גבול, איז אָבער אדרבה, דאָס וואָס ער קען עס ניט אויפנעמען אינגאַנצן, און נאָכמער — וויפל ער נעמט איז דאָס אַלץ גבול, און דאָס וואָס עס בלייבט ניט אויפגענומענע — איז בלי גבול טעמים, רופט עס ביי אים אַרויס אַ הונגער. עס ציט אים צו דעם בלי גבול וואָס ער קען ניט תופס זיין — „אשר לא ידעת ולא ידעון אבותיך" — אַן ענין וועלכן מ'קען ניט תופס זיין מיט ידיעה והשגה[11]).

די וועג צו נעמען אָט־דעם בלי גבול איז דורך אויסטאָן זיך פון דער איי־גענער מציאות ומדידות.

ד. און דאָס איז אויך וואָס ירידת המן ארבעים שנה במדבר איז געווען אַ הכנה צום קיום התורה ומצוות „בארץ נושבת", די עבודה צו בייקומען ביידע סאָרטן נסיונות: עשירות און עניות.

בייקומען דעם נסיון פון עשירות מיינט, אַז מען זאָל ניט טראַכטן אַז „כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה", נאָר איינצוקאַרבן ביי זיך אַז דער אויבערשטער „הוא הנותן לך כח לעשות חיל". בייקומען דעם נסיון פון עניות מיינט, אַז מען זאָל וויסן אַז „אין רע יורד מלמעלה"[12]), נאָר ער, דער מענטש, איז דער שולדיקער אין זיינע יסורים און דעריבער זאָל ער ניט בועט זיין ביסורים ח"ו, און מקבל זיין זיי בשמחה[13]).

און דאָס איז די הוראה פון מן: די השפעה ווי זי קומט מלמעלה איז זי תכלית העשירות. מצד דעם אדם שלמטה זיינען אַלע זאַכן בהגבלה כנ"ל, און נאָר מצד למעלה קען זיין אמת'ע עשירות. נאָך מערער: אפילו אין דער השפעה שמלמעלה, אויב נאָר דער מענטש הויבט זיך אָן אין זיי צו „אריינמישן", איז ניט בלויז וואָס ער קען דערביי גאָרניט צוגעבן — „לא העדיף המרבה"[14]) — נאָר אדרבה,

10) כפי' קה"ר (פ"ה, יו"ד), לקח טוב (דברים ח, ב), אשר „וירעיבך" קאי על „את המן", וראה בסי' ד"ה ת"ר מנין לברהמ"ז הבי' ע"פ חסידות דפי' הפשוט שבכתוב — ואיך שע"י „הרעבון מלחם שמן הארץ" „ביכלתם לקבל אכילת המן".

11) ראה לקו"ת עקב יד, א: שלא היו לאבות ידיעה בו.

12) ב"ר פנ"א, ג.

13) ברכות ס, ב. אגה"ק סי' כב.

14) שמות טז, יח.

מיט זיין אריינמישן זיך מאכט ער גאר קאליע, ער מאכט אויף עניות אפילו אין אזוינע ענינים וואס מצד עצמם זיינען זיי תכלית העשירות. די וועג אויף צו מקבל זיין עשירות איז דורך אויסטאן זיך פון דער אייגענער מציאות ורצונות — מדידות, פון דעם הרגש פון „כחי ועוצם ידי", און פארלאזן זיך בבטחון הגמור אויף דעם אויבערשטן; דאן ווערט מען א כלי צו מקבל זיין די השפעות מלמעלה, אויך השפעות בגשמיות, וועלכע א נברא מצד הגבלתו קען זיי גארניט פארנעמען[15]).

ה. חכמה ושכל ווערן אנגערופן מזון: פונקט ווי שפייז ווערט אריינגענומען אין דעם מענטשן אין א פנימיות ביז עס ווערט מיט אים פאראייניקט, אזוי ווערן אויך עניני שכל אריינגענומען בפנימיות מוח האדם און פאראייניקט מיט אים[16]). איז אויך אין דעם מזון פאראן די אויבנדערמאנטע צוויי סוגים — לחם מן הארץ און לחם מן השמים: שכל אנושי איז לחם מן הארץ און שכל אלקי — תורה, חכמתו של הקב"ה — איז לחם מן השמים. און בא די צוויי סוגים מזון זיינען פאראן די אלע אויבנדערמאנטע חילוקים.

אלע חכמות, אויסער תורה, זיינען באגרענעצטע, זיי האבן אין זיך ניט מער ווי דאס וואס זיי זיינען. ניט נאר פארמאגן זיי ניט אין זיך זאכן אויסער שכל, נאר אויך אין שכל גופא, האט יעדער סברא ושכל וחכמה אירע גרענעצן (ווי לחם מן הארץ וואס האט נאר דעם אייגענעם טעם און ניט מער). נוסף לזה איז אין די חכמות פאראן פסולת.

אבער טראץ דער הגבלה פון שכל אנושי, און אדרבה, צוליב דעם, באפרידיקט עס און עס זעטיקט אן דעם מענטשן, ווארום ער באגרייפט און האט דעם גאנצן שכל („יש לו פת בסלו" און „רואה ואוכל"). און דעריבער ברענגען חכמות חיצוניות צו ישות וגאוה[17]).

אנדערש איז חכמת התורה: זי איז כולה אמת און אין איר איז ניטא קיין פסולת ח"ו; זי איז אויך בלי־גבול — זי פארמאגט אין זיך אלע טעמים; ביז אז זי ברענגט מיט זיך אויך עושר גשמי (אבנים טובות ומרגליות), וואס דאס אלעס איז — תכלית העשירות. נאר צוליב דעם גופא, קען עס דער מענטש ניט אויפנעמען אינגאנצן און תופס זיין און ער פילט שטענדיק ווי ער איז ווייט פון צו נעמען דעם אמת און בלי גבול פון תורה, דעריבער ברענגט עס ניט צו ישות, נאר פארקערט, עס פועל'ט א ביטול, אן אראפגעפאלנקייט. „ויוסיף דעת יוסיף מכאוב"[18]) — וואס מער ער לערנט און ווייסט די תורה, אלץ גרעסער ווערט זיין צמאון און הונגער צו תורה („וירעיבך").

על דרך זה — איז אין תורה אליין אויך פאראן די אויבנדערמאנטע חילוקים — צווישן גליא דתורה און פנימיות התורה[19]). גליא דתורה הגם זי

15) כי כאשר האדם הוא ריק מהתאוה להגשמי, גם דברים הגשמיים הם כמו הרוחניים שאינם תופסים מקום, וכמו המן דעם היותו נתפס בגשם, הי' מזון רוחני שנבלע באברים ולא הי' תופס מקום (ד"ה לך אמר לבי תרצ"ו ספ"ג, אני לדודי ש"ת פ"ג).

16) ראה תניא פ"ה.

17) ראה ד"ה ויאמר משה תש"ט פ"ב. תורת שלום ע' 101.

18) קהלת א, יח.

19) ד"ה והי' כי תבוא תרס"ו וד"ה אר"ע אשריכם תרס"ז (בהמשך תרס"ו). לעיל ע' 1038 ואילך.

איז חכמתו ורצונו של הקב״ה, לחם מן השמים, וויבאַלד אָבער זי איז אָנגעטאָן געוואָרן אין שכל אנושי און אין דברים גשמיים, דערפאַר איז אין איר שייך אַ געוויסע הגבלה און זי גיט אויך אָן אָרט פאַר לא זכה נעשה לו — באַ דעם מענטשן — סם כו׳ [20]) פסולת, משא״כ אין פנימיות התורה כו׳ איז ניטאָ קיין הגבלות און זי גיט ניט קיין אָרט פאַר פסולת.

ו. דער יצר הרע איז אַן „אומן במלאכתו״. בשעת ער וויל אָפּרייסן אַ אידן פון לימוד התורה בכלל און פון לימוד פנימיות התורה בפרט, און ער זעט אַז אַראָפּוואַרפן די חשיבות פון תורה קען ער ניט, ווייל ביי אידן איז די תורה זייער טייער, ביז אפילו אַזאַ וואָס איז נכשל געוואָרן ובמזיד אין ע״ז איז דאָס באַ עם מחמד עיניך [21])), כאַפּט ער זיך אויף אַ סברא, ער טענה׳ט פאַרקערט: וויבאַלד אַז תורה איז בלי גבול און וויפל דו וועסט ניט לערנען וועסטו קיין מאָל ניט צוקומען לתכליתה; אדרבה, וואָס מער דו וועסט לערנען, אַלץ מער וועסטו זען דיין ווייטקייט פון איר סוף ותכלית, איז דאָך די „גלייכסטע״ זאַך, אַז דו זאָלסט זיך פאַרנעמען מיט זאַכן אין דיין ערך, אַריינטאָן זיך אין גשמיות׳־דיקע זאַכן; זיי וועלן דיך באַפרידיקן, וואָרום גשמיות קענסטו תופס זיין. אוודאַי דאַרף מען לערנען אויך תורה, מען דאַרף וויסן אַ דין ווי צו פירן זיך; און ס׳איז דאָך דאָ אַ חיוב אויף יעדער אידן צו לערנען תורה, פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית על כל פנים — אָבער ס׳וועט פאַר דיר זיין גענוג אַ סעיף שולחן ערוך, ביסט דו אַ מהדר — פרק אחד שחרית כו׳; מהדרין מן המהדרין — אַ שיעור קבוע יעדן טאָג, אָבער ניט זיך אַריינלאָזן און פאַרטיפן זיך אין תורה — אַ זאַך וועלכע דו וועסט סיי ווי ניט דערגרייכן מער ניט דו וועסט מצער זייך אַ אידן (זיך) — יוסיף מכאוב.

אויך טענה׳ט ער, גענוג לימוד פון גליא דתורה אַליין, און ניט לערנען פנימיות התורה וועלכע איז זיך עוסק אין זאַכן וואָס זיינען ניט שייך צו אָנטאָפּן זיי מיטן האַנט, און מאַנכע פון זיי — איז מהותם בכלל העכער איב־גאַנצן פון שכל אנושי [22]).

דאַרף מען וויסן, אַז דאָס וואָס דער יצר הרע פּרוּווט אים איינרעדן, ער זאָל ניט זיין פאַרקאָכט אין לחם מן השמים נאָר פאַרנעמען זיך מיט עניבים ארציים, איז דאָס די התחלה — עס ברייגגט צו אַראָפּפירן ח״ו דעם אידן אינגאַנצן פון דרך התורה. דאָס נאָכ־געבן אים אין איין פּרט, איז אַ שריט אויף אַריינצופאַלן במצודתו ר״ל אַלץ טיפער, ווי חז״ל זאָגן [23]), אַז דער יצר הרע איז פריער אַ „הולך״ (אַ פאַר־בייגייער), דערנאָך אַן „אורח״ און שפּעטער ווערט ער שוין אַ בעל הבית.

און אויך אין דעם, האָבן מיר די הוראה פון סיפור התורה בנוגע צום מן: פון דער טענה „ונפשנו קצה בלחם הקלוקל״ — זיי האָבן ניט גע־וואָלט האָבן דעם מן, אַ לחם וואָס איז העכער פון חומריות — נאָר דוקא מזון שיש בו פסולת — זיינען זיי אַראָפּגעפאַלן ביז „בוכה למשפחותיו״

20) יומא עב, ב. נת׳ בארוכה בקונט׳ עץ החיים פי״א ואילך. עיי״ש.

21) מ״א כ, ו בפירש״י שם. וצע״ק מסנה׳ קב, ב.

22) ראה בארוכה קונטרס לימוד החסידות פי״א ואילך.

23) סוכה נב, ב. וראה ב״ר פכ״ב, ו. זח״ג רס״ז, סע״ב.

— „על עסקי משפחותיו" (עניני עריות) [5]).

און דאָס וואָס דער יצר הרע טענה'ט, אַז רוחניות וועט אים ניט צופרידנ־שטעלן, און דוקא ווען ער וועט זיך אָפּגעבן אין גשמיות'דיקע זאַכן, און ער וועט זיי מער אָדער ווייניקער דערגרייכן, וועלן זיי אים באַפרידיקן — איז דער אמת פאַרקערט:

דער אמת'ער מהות פון אַ אידן איז רוחניות. און אויב ער זאָל זיך ח"ו אָפּרייסן פון רוחניות און זיך נעמען צו גשמיות, איז וויפל גשמיות ער וועט האָבן, קען עס אים ניט משביע זיין, ווארום ניט דאָס איז זיין מהות [24]). דוקא רוחניות, וואָס דאָס איז אמיתית מהותו — אויב נאָר ער וועט זיין אַ „כלי ריקן" — אויסטאָן זיך פון דער אייגענער מציאות ומדידות — וועט ער „מחזיק" זיין, פאַרמאָגן און אויפ־האַלטן ניט נאָר די ענינים רוחניים, נאָר אויך די ענינים הגשמיים; עס וועט אים נשפע ווערן מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, מערער וויפל אַ נברא קען פאַרנעמען [15]), ווארום גשמיות מיט רוחניות וועלן ביי אים ווערן איין זאַך, און ביידע וועלן זיין אין אַן אופן פון בלי גבול.

(משיחות ש"פ עקב תשכ"א)

24) ראה ד"ה לך אמר לבי תרצ"ו ספ"ב. אני לדודי ש"ת פ"ג.

# עשרים באב

א. דעם איינציקן מאָל וואָס איך האָב לע"ע געפונען עס זאָל דערמאָנט ווערן אין ש"ס דער טאָג עשרים באב *) איז אין מסכת תענית [1]). די משנה דער־ציילט דאָרטן, אַז כ' אב איז געווען אַ יום טוב ביי אַ געוויסער משפחה, צוליב דעם וואָס אין דעם טאָג האָט מען גענוצט זייער האָלץ אויפן מזבח אין בית המקדש. ס'איז געווען אַ צייט ווען אין דער לשכה איז ניט געווען קיין האָלץ, האָבן דאַן געוויסע משפחות זיך מתנדב געווען צו ברענגען האָלץ פאַרן מזבח. ווען עס האָט זיך אויס־געלאָזט דאָס האָלץ וואָס עס האָט געבראַכט איין משפחה, האָט עס דאַן מנדב געווען אַ צווייטע, א.ז.וו. האָט מען מתקן געווען, אַז אין דעם טאָג וואָס אַ משפחה האָט דאַן געבראַכט האָלץ, זאָל מען אין דעם טאָג נוצן פון איר האָלץ אויך אין דער צייט ווען ס'איז פאַראַן האָלץ אין דער לשכה, און דער

*) הוא יום ההילולא של הרה"ג הרה"ח וכו' מוהר"ר לוי יצחק ז"ל שניאורסאהן (אביו של כ"ק אדמו"ר שליט"א). נפטר בשנת תש"ד בעיר גלותו במחוז קאזאכסטאַן. ראשי פרקים מתולדות ימי חייו נדפסו בקובץ ליובאוויטש חוברת 4. לקוטי לוי"צ על תניא בסופו. המו"ל.

1) כו, א. — עשרים באב הוא ארבעים יום קודם ר"ה. ומצאתי ב„מנהגי הק"ק בית א"ל יכב"ץ" (נדפס בס' דברי שלום): ביום ך לחודש אב עושים התרת נדרים שהוא ארבעים יום קודם ר"ה. — אבל לא ראיתי נוהגים כן (או עד"ז) בחב"ד. ולהעיר מהתחלת העבודה בר"ח אלול — שהוא מ' יום קודם יו"כ (שנק' ג"כ בשם ר"ה — יחזקאל מ, א. וראה לקו"ת דרושי ר"ה נח, א).